Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 30 | Łódź, Czwartek, 4 lutego 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, כ"ז שבט תרצ"ב | № 30

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# יאפאנישע מפלה ביי שאנכאי

## ערשטער יאפאניש-אמעריקאנער צוזאמענשטויס

## געמיינזאמע נאטע פון אמעריקא און ענגלאנד

## יאפאן אפגעווארפען דעם פראיעקט צו שאפען אין שאנכאי א נייטראלען פאס

### יאפאנישע אטאקעס

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.) היינט 3 פארטאג האט מען באמערקט, אין שאנכיי, אז די יאפאנער גרייטען זיך צו אן אטאקע.

שווערע שיף-הארמאטען האבען אנגעהויבען באמבארדירען די מזרח-קווארטאלען.

די באמבארדירונג האט געדויערט ביז אין דער פריה.

אומגעריכט האבען די כינעזער געענטפערט מיט א פייער פון שווער-ארטילעריע. דער בנין פון יאפאנישען הויפט-קווארטיר איז געווארען פולשטענדיג צושמעטערט. גלייכצייטיג האט דער כינעזישער פארט „וואר-סאנג" גענומען בעשיסען די יאפאנישע מאטראסען, וועלכע האבען זיך געפונען אין פארט.

די יאפאנער האבען אפגעענטפערט מיט א שטארק פייער פון זייערע 6 שיפען.

דער ארטילערישער קאמף האט געדויערט ביז 10 פריה.

די פערלוסטען פון ביידע זייטען זענען גע־חען בעדייטענד.

11 א זייגער פריה האט דאס יאפאנישע מי־ליטער אנגעהויבען שטורמען דעם קווארטאל שע־פעי. דאס איז געווען א גרויס יעפאלאטער אטאק, דאך האט ער נישט געבראכט קיין ערפאלג, ווייל דאס כינעזישע מיליטער האט געשטעלט א שטאר־קען ווידערשטאנד.

דער שטורם אויף שע-פעי איז צובראכען געווארען אין פייער פון דער כינעזישער ארטילעריע.

### יאפאנישע מפלות

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.) דער יאפאנישער שטורם אונטער שאנכיי האט זיך פערענדיגט מיט א דורכפאל.

די כינעזער האבען זיך פערטיידיגט מיט אזא עקשנות, וואס מען האט ביז איצט נישט געזעהען ביי זיי. הגם זיי האבען געליטען גרויסע פערלוס־טען, האבען זיי זיך פארט נעגערפען מוטאליעסווייז אויף די יאפאנישע פאזיציעס.

לעצטענס האט זיך די כינעזער איינגעגעבען צוריקצופערכאפען א טייל פון שע-פעי קווארטאל און אויך די באהן-סטאציע, וואס געהט איבער פון האנד צו האנד. יעדעס מאל קומט צו א בלוטיגען קאמף אויף באגנעטען.

פאר די יאפאנער איז געווען אן איבערראשונג, וואס זיי האבען פעסטגעשטעלט, אויפ'ן פראנט, עט־ליכע כינעזישע פולקען, וואס זענען געווען פארמירט פון באנקינער סטודענטען. א חוץ דעם איז פעסט־געשטעלט געווארען, אז די כינעזער האבען נעכטען בעקומען גרויסע פערשטארקונגען.

די סביבה פון יאפאנישען הויפט-קווארטיר זע־נען געווארען אזוי שטארק באמבארדירט דורך דער כינעזישער ארטילעריע, אז אלע הייזער זענען גע־ווארען צושטערט.

עטליכע גאסען זענען אפגעמעקט געווארען. דאס הויז פון יאפאנישען הויפט-קווארטיר איז אויס געגלייכט געווארען מיט דער ערד.

די יאפאנישע מפלות זענען נאך מעהר בע־דייטענד דערמיט, וואס דער געפלאנטער יאפאנישער אטאק האט געזאלט ברענגען די ענטגילטיגע כי־נעזישע מפלה.

דער יאפאנישער הויפט-קווארטיר האט גע־צילט אדורכצומאכען דעם דעצידירענדען קאמף, אידער עס וועלען אנקומען די אמעריקאנער קריגס שיפען.

לויט ידיעות, שטעהט בראש פון דער כי־נעזישער ארמעע, דער מארשאלעק שטאנג-קאי־שעק.

איבער אפ־טוי־ע די א אישע אט קע, האט בען זיך בעטייליגט 4 פולקען פרייוויליגע אקא־דעמישע יוגענד.

### ערשטער יאפאניש-אמעריקאנער צוזאמענשטויס

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.) אויף דער אינטער־נאציאנאלער טעריטאריע אין שאנכיי איז ענטשטא־נען אן ערנסטער קאנפליקט צווישען דער אמעריקא־נישער קאמענדע און יאפאנישע.

די יאפאנישע מאטראסען האבען בעשאסען אמעריקאנער מאטראסען, וואס זענען געווען פער־נומען מיט מאכען אקאפעס. צוליב'ן שטארקען פייער, האבען זיך די אמעריקאנער צוריקגעצויגען און זייערע פאזיציעס האבען פערנומען די יאפא־נער, וועלכע האבען פון דארט בעזייטיגט די אמע־ריקאנער פאהנען און אויפגעהאנגען יאפאנישע פאהנען.

דער דאזיגער קאנפליקט האט ארויסגערופען א שטארקען פראטעסט מצד דער גאנצער אמערי־קאנער קאלאניע און האט געבראכט צו ווייטגעהענ־דע פאלגען.

די יאפאנישע רעגירונג האט אפיציעל מודיע געווען דעם יאפאנישען אמבאסאדאר אין טאקיא, אז אלס הויפט-קאמענדאנט פון פלאט, וואס שטעהט אויפ'ן טייך יאנג - טסע - קיאנג ווערט בעשטימט דער אונטעראדמיראל נאעווא.

די דאזיגע נאמינירונג האט א שייכות צו דער דימיסיע פון אדמיראל שיאזאוויע, וועלכער איז אנ־ענישלאסענער מענש און ער וואלט זיך נישט אפ־

(ווייטער זעה 3-טע זייט).

## דער קריג אין ווייטען מזרח



אמעריקאנער מאטראסען ביי א קוילענוווארפער היטען אפ דעם אריינגאנג אין אינטערנאציאנאלען קווארטאל פון שאנכאי.



געפאנצערטע אויטאס פון אינטערנאציאנאלען קווארטאל אין שאנכי אויף א פאטרול.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 63 יאהר אונזער ליבער מאן, פאטער, שווינערפאטער, גרויספאטער און ברודער

723

# נ. ע. אלתר מרדכי מינץ

(אינדוסטריעלער און בירגער פון דער שטאט לאדז)

די לויה קומט פאר היינט, דאנערשטאג, דעם 4-טען פעברואר 1932, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז, פושעיאזד 30, וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרוים צער

די טיפטרויערנדע פאמיליע

מ'בעט נישט אפצושטאטען קיין קאנדאלענץ-וויזיטען.

